# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ואתחנן (נחמו)

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת ואתחנן

בכל קראינו אליו - נענטער ווערן צום אויבערשטן דורך תפילה........................................ א

בעת ההוא לאמור - די פיר תנאים פאַר קבלת התפלות.............................................ב

נחמו נחמו עמי - דער בוכ״ע בעט זיך ביי אונז, מיר זאלן זיך טרייסטן...............................ז

ושמור נפשך מאד - דער נשמה דאַרף אַ גרעסערע שמירה ווי דער גוף...............................יב

# ואתחנן

**בכל קראינו אליו - נענטער ווערן צום אויבערשטן דורך תפילה**

**אין** דער היינטיגער פרשה, ואתחנן, לערנען מיר אַ גרויסן און שטאַרקן יסוד איבער דעם ענין פון תפלה, זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן בורא כל עולמים ברוך הוא, וועלכער שטייט נאָנט צו אונז און הערט אונזער תפלות, ווי דער פסוק זאָגט (ד, ז) "כי מי גוי גדול אשר לא אלוקים קרובים אליו, כה' אלקינו בכל קראינו אליו"[א], און אין ירושלמי (ברכות פ"ט, ה"א) דרש'נט רבי שמלאי, אַז דער פסוק זאָגט "אלוקים קרובים" - מיט אַ לשון רבים (כאָטש דער אויבערשטער איז אַ "יחיד": "ואין יחידות כמוהו בשום פנים"), ווייל דער אויבערשטער איז נאָנט מיט אונז "בכל מיני קריבות" מיט אַלע סאָרטן נאָנטקייטן.

**זאָגט** דאָרט דער ירושלמי, עבודה זרה זעהט אויס נאָנט, אָבער באמת איז נישט דאָ עפּעס וואָס איז ווייטער ווי די עבודה זרה, אָבער - להבדיל אלף אלפי הבדלות - דער אויבערשטער ברוך הוא, "נראה רחוק" - ער זעהט אויס ווייט, אָבער עס איז נישט דאָ עפּעס וואָס איז נענטער פון איהם. ער זעהט אויס ווייט, ווייל פון דער ערד ביז צום הימל, איז אַ וועג וואָס דויערט צו גיין פינף הונדערט יאָר, און אַזוי ווייטער צווישן איין הימל און דעם אַנדערן הימל. זאגט דער מדרש: זעהט נאָר וויפיל העכער דער אויבערשטער איז פון זיין וועלט, אָבער ווען אַ איד קומט אַריין אין שול דאַווענען, און ער שטעלט זיך אַוועק אויף זיין פלאַץ און דאַווענט, הערט דער אויבערשטער זיין תפילה. צו דען איז דאָ אַ נענטער גאָט פון דעם, וואָס איז ער נאָנט צו זיינע באַשעפענישן אַזוי ווי דאָס מויל פון מענטש איז נאָנט צו זיין אויער.

**דער** "תורת חיים" געבט צו פאַרשטיין, אויף די דערמאַנטע ווערטער פונעם ירושלמי (סנהדרין לח:), "קרוב אלינו בכל מיני קריבות". עס זענען דאָ פאַרשידענע סאָרטן נאָנטקייט. עס איז דאָ אַ נאָנטקייט וואָס נעמט זיך פון געבויט, ווי אַ טאַטע און מאַמע וואָס זענען נאָנט צו זייער קינד. עס איז דאָ אַ נאָנטקייט דורך אַ חתונה, און עס איז דאָ אַ נאָנטקייט וואָס נעמט זיך פון אַ חיוב, ווי אַ קעניג וואָס איז "נאָנט" מיט זיינע קנעכט. אָבער דער אויבערשטער, איז נאָנט מיט אידישע קינדער אויף אַ סאַך וועגן, מיט אַלע סאָרטן קירבות, נאָר וואָס דען? די מדרגה פונעם אויבערשטן'ס נאָנטקייט צום מענטש, ווענדט זיך אינעם מענטש אַליין. אַלעס איז אָנגעוויזן אויף די תפילה וואָס דער מענטש איז מתפלל. לויט ווי דער מענטש רופט דעם אויבערשטן, אַזוי ענטפערט ער איהם. און אויף דעם פירט אויס דער פסוק "בכל קרנו אליו", לויט דיין נאָנטקייט צו איהם, איז ער נאָנט צו דיר.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט די ווערטער פון דעם תנא רבי יוסי (ברכות ג.), וואָס ער האָט געזאָגט צו אליהו זכור לטוב, "שמעתי בת קול שמנהמת כיונה" איך האָב געהערט אַ "בת קול" וואָס האָט געקלאָגט אַזוי ווי אַ טויב. פאַרוואָס פאַרגלייכט די גמרא דעם "בת קול" צו אַ טויב, און נישט צו אַנדערע בעלי חיים? איז דער תירוץ, ווייל די חז"ל זאָגן (שבת מט.) אַז כנסת ישראל איז צוגעגליכן צו אַ טויב. אויף דעם זאָגט די גמרא, בת קול "מנהמת כיונה", דער בת קול ווערט געהערט, אויף דעם זעלבן אופן לויט ווי אידישע קינדער (וואָס זענען צוגעגליכן צו אַ "טויב") דאַווענען צו דעם אויבערשטן. פון הימל איז מען משפיע אויפ'ן מענטש אַ סאַך שפע - מדה כנגד מדה - לויט ווי זיין תפילה זעהט אויס. דער מענטש וואָס ווייסט פאַר וועמען ער דאַווענט, און דורך דעם דאַווענט ער ווי אַ איד דאַרף דאַווענען, איז זיין תפילה נענטער אָנגענומען צו ווערן אין הימל.

**אַזוי** זאָגט דער חיד"א זצ"ל ("נחל קדומים", פרשתינו, אות א') אויף דעם פסוק אָנהייב פרשה: "ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמור". די ראשי תיבות פון די ווערטער ב'עת ה'היא ל'אמור איז "הלב", צו לערנען "שתהיה

---

**א.** כדי צו האָבן אַ באַגריף ווי ווייט דאָס דערגרייכט, קען מען זעהן פון דעם וואָס די גמרא זאָגט (ברכות ו.) אַז דער אויבערשטער לייגט תפילין, און איינע פון זיינע פיר פרשיות אַנטהאַלט דעם דאָזיגן פסוק: "כי מי גוי גדל אשר לו אלקים קרובים אליו, כה' אלקינו בכל קראינו אליו".

התפילה בכוונת הלב", אַז די תפילה דאַרף געזאָגט ווערן מיט כוונה פון האַרץ[ב].

**וואונדערליכע** ווערטער געפינען מיר אין רמב"ן (שמות ג, יג) אויף דעם וואָס משה רבינו ע"ה האָט געפרעגט דעם אויבערשטן: "ואמרו לי מה שמו, מה אומר אליהם", ווען די אידן וועלן מיך פרעגן וואָס איז דער נאָמען פון דעם אויבערשטן, וואָס זאָל איך זיי ענטפערן? אויף דעם האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט: "אהי' אשר אהי'". זאָגט דער רמב"ן, משה האָט געמיינט צו זאָגן, אויב די אידן וועלן פאַרלאַנגען פון איהם אַז ער זאָל זיי זאָגן אַ נאָמען וואָס ווייזט אויף דער מציאות און אויף די השגחה פונעם באַשעפער, האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט: פאַרוואָס דאַרפן זיי פרעגן וואָס מיין נאָמען איז? זיי דאַרפן נישט האָבן אַן אַנדערע ראיה ווי דאָס וואָס איך וועל זיין מיט זיי אין יעדע צרה ח"ו! ווען נאָר זיי וועלן רופן צו מיר, וועל איך זיי ענטפערן (ווי רש"י טייטשט די ווערטער, אהי' אשר אהי', "אהי' עמם בצרה זאת אשר אהי' עמם בשעבוד שאר מלכיות"). דאָס אַליין איז די בעסטע ראיה אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס איז נאָענט צו די אידן, ביי אַלע זייערע רופונגען צו איהם[ג], עכ"ל.

**דער** אויבערשטער האָט דאָך שוין געשוואוירן אַז ער וועט אייביג אָננעמען די תפילות פון אידישע קינדער, ווי דער מדרש זאָגט (דב"ר פ"ב, יא) משה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטן, ווען דו וועסט זעהן אַז דיינע קינדער זענען פאַר'צער'ט און עס איז נישט דאָ ווער זאָל בעטן רחמים פאַר זיי, זאָלסטו זיי באַלד ענטפערן. האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט: משה, איך שווער ביי דיין לעבן, אַז אין יעדע צייט ווען די אידן וועלן רופן צו מיר, וועל איך זיי ענטפערן, ווי דער פסוק זאָגט, "כה' אלקינו בכל קראינו אליו".

### בעת ההוא לאמור - די פיר תנאים פאַר קבלת התפלות

**דער** "אור החיים" הקדוש זאָגט אויפ'ן פסוק אָנהייב סדרה, "ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמור", אַז עס זענען דאָ פיר תנאים וואָס זענען נויטיג אַז אַ תפלה זאָל אָנגענומען ווערן, און ער רעכנט אויס ווי אַזוי זיי זענען אַלע מרומז אין דעם פסוק:

**א.** דער מענטש זאָל דאַווענען פאַר'ן אויבערשטן, ווי אַן אָרימאַן וואָס קלאַפּט אויף דער טיר, ווי דער פסוק זאָגט (משלי יח, כג) "תחנונים ידבר רש". דער אָרימער מענטש בעט זיך מיט תחנונים (פאַר דעם אויבערשטן). אויף דעם זאָגט דער פסוק, "ואתחנן אל ה'", אַ לשון פון תחנונים, ווי רש"י טייטשט טאַקע, "אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם".

**אויף** דעם שרייבט דער "שם משמואל" (שנת עת"ר) אַז "ואתחנן" איז דער פשט, ער ווייסט אַז אַליין האָט ער גאָרנישט ביי דעם אויבערשטן (דער באַשעפער איז איהם גאָרנישט שולדיג)[ד], נאָר ער בעט אַ מתנת חנם, אַן אומזיסטע מתנה. ער טוט אונטערטעניגן אַלע זיינע

---

**ב.** דער מענטש טאָר זיך אָבער נישט מייאש זיין, אפילו ווען עס דאַכט זיך איהם אַז זיין האַרץ "אַנטלויפט" פון איהם כסדר, ווי דער פייטן זאָגט (סדר הושענות להושענא רבה אנא א-ל נא וכו') "שופכים לך שיח בלא לב ולב". זיי גיסן אויס פאַר דיר זייער געבעט, אָן אַ האַרץ, און אַ האַרץ. איז שווער, עס איז דאָך אַ סתירה, ווייל אויב די תפילה איז "בלא לב" - אָן אַ האַרץ, איז דאָך עס נישט "ולב" - מיט אַ האַרץ?

נאָר מ'קען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער, "בלא לב", זיי האָבן טאַקע נישט קיין האַרץ צום דאַווענען, אָבער פונדעסטוועגן, "ולב" - זיי פאַלן נישט אַריין צוליב דעם אין יאוש ח"ו, נאָר זיי זוכן ווייטער דאָס האַרץ, אין דעם זכות בעטן זיי פון דיר "הושע נא".

**ג.** אַ בחור האָט אַמאָל געבעטן פון בעלזער רב, הרה"ק מהר"ש זי"ע, אַ סגולה פאַר אמונה און בטחון. האָט דער בעלזער רב איהם געזאָגט, אַז תפילה איז די בעסטע סגולה פאַר אמונה, ווייל ווען דער מענטש איז מתפלל און ער זעהט ישועות אין זכות פון זיין תפילה, קען ער ממילא צוקומען צו אמונה.

**ד.** עס ווערט געברענגט ("מעשה איש", ח"ב, מערכת אמונה ובטחון) אַז איינע פון די מקורבים פונעם גאון בעל "חזון איש" זי"ע, האָט איהם אַמאָל געזאָגט: "עס קומט זיך מיר אַ מזל טוב". האָט דער "חזון איש" איבערגעזאָגט זיינע ווערטער, מיט אַ טאָן פון פאַרדרוס: "עס קומט זיך דיר... עס קומט זיך דיר..." ווי איינער זאָגט, דער אויבערשטער איז נישט שולדיג גאָרנישט פאַר קיינעם, נישט פאַר דיר, און נישט פאַר עמיצן אַנדערש אויף דער וועלט.

כוחות הנפש[ה], אזוי ווי אן אָרימאַן וואָס שטייט ביי דער טיר און בעט זיך אז מ'זאָל איהם געבן אַ נדבה. דעריבער, ביי אַלע לשונות פון תפלה, האָט משה רבינו ע"ה נישט געבעטן מיט אַן אַנדערע לשון, נאָר מיט אַ לשון תחנונים, עכ"ל. און די תורה שרייבט עס אַרויס[ו], כדי אונז צו לערנען די וועגן פון תפלה,

---

א פרוי מיט אַ צובראָכן האַרץ צוליב דעם וואָס זי האָט לאַנגע יאָרן נישט זוכה געווען צו קינדער, האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר דעם ירושלים'ער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, און געבעטן ער זאָל איר בענטשן מיט אַ "ברכת התורה" אַז זי זאָל זוכה זיין בקרוב געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא... האָט רבי שלמה זלמן איר "אָנגעשריגן", "צו דען איז דער אויבערשטער אייך עפּעס שולדיג? צו איז דער אויבערשטער אייך שולדיג עפּעס? איר דאַרפט איהם לויבן און דאַנקען פאַר דעם וואָס ער געבט אייך לעבן, און ער געבט אייך א נשמה, מיט בריאות הגוף והנפש. וואָס האָט איר זיך אָפּצורעדן קעגן איהם?!...".

אַ צובראָכענע, איז די פרוי געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער טיר, צו פאַרלאָזן דעם צימער, אָבער דאַן האָט רבי שלמה זלמן איר געזאָגט:

- הערט זיך גוט איין וואָס איך וויל אייך זאָגן. ריכטיג טאַקע אַז דער אויבערשטער איז אייך גאָרנישט שולדיג... אָבער אויב איר וועט זיך אויך פירן צו טוהן זאַכן וואָס איר זענט נישט מחויב צו טוהן, נאָר 'לפנים משורת הדין', וועט דער אויבערשטער זיך אויך פירן מיט זיי "לפנים משורת הדין", און "מידה כנגד מידה" וועט ער אייך העלפן, כאָטש ער איז נישט מחויב עס צו טוהן...

די פרוי האָט טאַקע אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַ 'וואָלונטיר' אין 'שערי צדק' שפּיטאָל אין ירושלים, און ביז אַ יאָר, איז זי בעזהשי"ת געהאָלפן געוואָרן מיט אַ טאָכטער אין אַ מזל'דיגע שעה.

[מיר האָבן געהערט פון הרב אברהם יוסף לייזערזאהן ז"ל, א פלימעניק פון הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל, אז עס זענען פאַרגעקומען ענליכע פעלער ביי מענטשן וואָס האָבן געהערט די דערמאנטע מעשה, און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אַזוי זיך פירן, און אַלע זענען ב"ה געהאָלפן געוואָרן ביז אַ קורצע צייט].

**ה.** אַט דער "הכנעה" צום באַשעפער ברוך הוא, איז איינע פון די עיקרים פון אידישקייט, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ז, ז) "לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם, כי אתם המעט מכל העמים", און די גמרא זאָגט (חולין פט.), דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, איך גלוסט אין אייך, ווייל אַפילו אין אַ צייט ווען איך טוה אייך גרויס מאַכן, טוט איר זיך האַלטן קליין פאַר מיר.

הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, האָט געזאָגט ("מדרש שמחה", ערך ענוה וגאוה), אַז צוליב דעם ווערן די אידן אָנגערופן "יהודים", ווייל אידן זענען אַזוי ווי דער אות יו"ד, וואָס איז דער קלענסטער פון אַלע אותיות. עס איז אָבער אַנדערש פון אַלע אַנדערע אותיות, ווייל די אַנדערע אותיות קען מען "אויסציען" און עס גרעסער מאַכן לויט'ן געשמאַק פונעם שרייבער, סיי אין דער לענג, סיי אין דער ברייט, אָבער דעם אות יו"ד קען מען נישט לענגער מאַכן, ווייל אויב מ'ציהט עס אַראָפּ, ווערט עס אַן אות וא"ו, און אויב מ'וועט עס אויסציהען אין די זייטן, וועט עס ווערן אַן אות דל"ת אָדער אַ רי"ש. דאָס זעלבע איז מיט די אידן. "כי אתם המעט מכל העמים". אידן האַלטן זיך קליין, זיי ווייסן אַז זיי אַליין טוהען גאָרנישט, "נישט אין דער לענג, און נישט אין דער ברייט", זיי זעהען זיך אַלס נישט מער ווי אַ קליין פּינטעלע וואָס באַקומט די שפע פונעם באַשעפער ברוך הוא. וועגן דעם גלוסט דער אויבערשטער אין אידישע קינדער, און דער וואָס האַלט זיך נישט אַזוי, גייט אַרויס פון כלל "איד" כביכול.. פּונקט ווי ביים שרייבן איז נישט מעגליך "אויסצוציען" דעם אות יו"ד.

**ו.** אַ פרוי האָט אַמאָל מזכיר געווען איר זון וועלכער איז געווען זייער נישט געזונט ל"ע, פאַר דעם "חפץ חיים" זי"ע. איז דער "חפץ חיים" אַריינגעגאַנגען אין שול, און ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען פאַר דעם אויבערשטען, מימט די פאָלגענדע ווערטער:

- רבונו של עולם, אַלע מיינע יאָרן האָב איך זוכה געווען אַז דו זאָלסט גוטס טוהן מיט מיר, מיט אַ סאַך חסדים און טובות. דו האָסט מיך מזכה געווען צו שרייבן און אַרויסגעבן דעם "משנה ברורה", דעם "חפץ חיים", און "שמירת הלשון", און נאָך חיבורים, אַלעס אַ מתנת חינם. בעט איך דיך, טוה מיט מיר נאָך אַ חסד און הייל אויס יענעם חולה... איך האָב דאָך אַזוי פיל געטוהן פאַר דיין כבוד וועגן, איך האָב זיך באַמיט אָפּצושרייבן ספרים כדי

אַז עס דאַרף זיין מיט הכנעה און מיט בעטן רחמים, "כעני בפתח"[ז].

**ווען** מ'בעט זיך ברחמים ובתחנונים ביי דעם אויבערשטען, איז מען פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער זאָל אָננעמען די תפילה, ווי הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט (ליקוטי הרי"ם, פרשתינו) אַז משה רבינו ע"ה האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אידישע קינדער, און גע'פועל'ט ביי דעם אויבערשטען, אַז יעדער מענטש וואָס האלט אַז ער אַליין איז באמת נישט ראוי דערצו, דאַן, "יפתח לו ה' את אוצרו הטוב", עפנט דער אויבערשטער פאַר איהם זיין גוטן אוצר.

**דער** "חידושי הרי"ם" זאָגט: משה רבינו ע"ה האָט גע'פועל'ט מיט זיין תפילה פאַר אַלע דורות, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי געבן אַ 'מתנת חנם', ווי דער מדרש זאָגט (דב"ר פ"ב, יא) אַז משה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען: רבונו של עולם, ווען דו זעהסט אַז דיינע קינדער זענען בצער און זיי האָבן נישט ווער עס זאָל בעטן פאַר זיי רחמים, זאָלסטו זיי באַלד ענטפערן...

**זאָגט** ער ווייטער, אין הימל איז דאָ אַן אוצר פון יעדע זאַך אויף דער וועלט, און דער גרעסטע פון אַלע אוצרות, איז דער אוצר פון 'מתנת חנם'. אָבער לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס געבט מען נישט אין הימל פון דעם אוצר, פאַר יעדן איינעם? איז דער תירוץ, אַז מ'געבט פון דעם אוצר נאָר פאַר דעם מענטש וואָס ער ווייסט אַז עס קומט איהם גאָרנישט מצד זיינע מעשים טובים, נאָר אַלס אַ "חנינה" - אַן אומזיסטער מתנה. פאַר אַזאַ איינעם, קען מען געבן פון דעם אוצר[ח].

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער "בית אהרן" זי"ע (חנוכה, ע' מד) אַז ווען דער מענטש בעט פון דעם

---

מזכה צו זיין אידישע קינדער מיט שמירת הלשון און קיום המצוות, אַלס שכר דערפאַר בעט איך ביי דיר, דו זאָלסט אויסהיילן דעם קראַנקן קינד...

אָט דאָס איז געווען דער מהלך החיים פונעם "חפץ חיים" זי"ע, צו טראַכטן שטענדיג אַז עס קומט איהם גאָרנישט, און אַז אַלעס וואָס ער האָט, איז נישט מער ווי אַן אומזיסטע מתנה פון באַשעפער.

**ז.** אַזוי זאָגט דער אריה"ק זי"ע (געברענגט אין ספר "מחזיק ברכה" פון חיד"א זי"ע, או"ח סי' צ"ח סק"ב), אַז ווען מ'זאָגט די ווערטער "ועוזר דלים" ביי תפילת שחרית, דאַרף מען זיך באַטראַכטן ווי אַן אָרימאַן וואָס קומט בעטן אַ נדבה, און אַזוי זאָל מען זיך שטעלן דאַווענען די 'תפילת העמידה' (שמונה עשרה).

און אַזוי שטייט אין ספה"ק "פלא יועץ" (ערך כניעה), אַ מעשה, אַ כת פון צדיקים האָבן געדאַווענט מיט וואונדערליכע כוונות, און מ'האָט זיי מגלה געווען פון הימל אַז זייער תפילה איז טאַקע געווען וואונדערבאַר, אָבער וויבאַלד זיי האָבן נישט געהאַט גענוג הכנעה זענען זיי געווען גרייט באַשטראָפט צו ווערן, נאָר איינער פון זייער חבורה וואָס האָט יאָ געהאַט די ריכטיגע אונטערטעניגקייט פאַר'ן באַשעפער, און נאָר אין זיין זכות, זענען זיי אַלע געראַטעוועט געוואָרן.

אַזוי טייטשן די ספרים דעם פסוק (איכה ב, יט) "שפכי כמים לבך נוכח פני ה'". דער נביא פאַרגלייכט דאָס זיך אויסגיסן דאָס האַרץ צו "וואַסער", און נישט צו אַנדערע געטראַנקען, ווי וויין אָדער מילך, א.ד.ג., ווייל וואַסער ווייזט דאָך אויף הכנעה און שפלות, ווי די גמרא זאָגט (תענית ז.) "מה מים מניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך", די וואַסערן לאָזן איבער זייער הויכן פלאַץ און זיי גייען צו אַ נידעריגן אָרט. דערפאַר גלייכט מען צו דערצו דאָס אויסגיסן זיך דאָס האַרץ, אונז צו לערנען אַז די תפילה דאַרף זיין מיט הכנעה און שפלות, אַזוי ווי וואַסער. דער מענטש דאַרף שפירן אַז ער אַליין האָט גאָרנישט אין דער האַנט, און זיין גאַנצע תפילה דאַרף זיין מיט אַ בקשה "עשה למענך, אם לא למעננו".

ס'איז כדאי אַראָפצוברענגען וואָס עס שרייבט דער "רבינו בחיי" (במדבר טז, כב) אויף דעם ענין פון "תחנון" און "נפילת אפיים", אַז איינע פון די טעמים דערפאַר, איז כדי אַרויסצואווייזן צער און הכנעה. ער שרייבט דאָרט: "וההכנעה מעיקרי התשובה", און די אונטערטעניגקייט (פאַר'ן באַשעפער) איז פון די הויפט פונקטן פון תשובה. און דאַן ווערט זיין תפילה אָנגענומען, דער אויבערשטער ווערט 'איבערגענומען' כביכול מיט זיין צער און ער ערפילט זיין פאַרלאַנג.

**ח.** דער ספינקער רבי, הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע, שרייבט אין דער היינטיגער פרשה, וועגן דעם ענין, אַז אויך דער מענטש וואָס איז באמת נישט כדאי מצד זיינע מעשים אַז דער אויבערשטער זאָל ערפילן זיין בקשה, קען

אויבערשטען ווען ער האָט יסורים אָדער אָרימקייט רח"ל, און ער ווייסט אַז ער אַליין האָט גאָרנישט אין זיין האַנט, נאָר ער בעט פון דעם אויבערשטען אַן אומזיסטע מתנה, אַזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט (תהלים כה, טז) "כי יחיד ועני אני", ענטפערט איהם דער אויבערשטער ווען ער רופט צו איהם[ט].

**ב.** אַ צווייטן תנאי פאַר קבלת התפלה, שרייבט דער "אור החיים" הקדוש ווייטער: "שיבקש ממקור הרחמים", אַז מ'זאָל בעטן פון דעם מקור פון מדת הרחמים, און אויף דעם זאָגט דאָ דער פסוק "אל ה'" - צו דעם אויבערשטען, וואָס דער שם הוי' ב"ה איז דער שורש און מקור פון מדת הרחמים[י].

---

אויך האָבן אַ תיקון און געהאָלפן ווערן, דורך דעם וואָס ער דאַווענט בעטנדיג אַ "מתנת חנם", איז ממילא נישט דאָ אַ מניעה מצד זיינע מעשים. ווייל נאָר אויב ער בעט צוליב זיינע גוטע מעשים, ווערט מען איהם נאָכקוקן אויב ער איז ראוי מ'זאָל ערפילן זיין פאַרלאַנג, אָבער אויב ער בעט אַ מתנת חינם, איז דאָך נישט דאָ אַ מניעה מצד דעם מבקש, ווייל ער בעט דאָך אַן אומזיסטע מתנה, און נישט אַז "עפּעס קומט איהם".

**ט.** אויך דער שורש פון די מדה פון בטחון, קומט פון אַ געפיל פון אונטערטעניגקייט פאַר דעם אויבערשטען, ווען דער מענטש ווייסט אַז באמת איז ער אַליין - מכוח זיינע מעשים טובים - נישט ווערד אַז מ'זאָל איהם העלפן פון הימל, נאָר ער האָפט און האָט בטחון נאָר אויף אַ "מתנת חנם".

מ'קען עס פאַרשטיין, ווייל הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט (ליקוטים, ע' שע) אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, אַז דאָס וואָרט "בטחון" שטאַמט פון לשון "בטח". דער מענטש וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, און ס'איז קלאָר אין זיינע אויגן, אויסער יעדן ספק, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן, ווערט ער טאַקע געהאָלפן. וואָס לכאורה, וואו נעמט ער מיט אַזאַ זיכערקייט צו טראַכטן און גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן, עס איז דאָך מעגליך אַז ער איז נישט ראוי צו די ישועה? נאָר וואָס דען, די אַלע סאָרטן "חשבונות" זענען שייך נאָר ביי אַ מענטש וואָס עס דאַכט זיך איהם אַז עס 'קומט זיך איהם' מצד זיינע מעשים טובים, און ממילא איז דאָ אַן אָרט פאַר איהם אַריינצוקלערן באמת אויב ער איז טאַקע ראוי צו די ישועה אָדער נישט. אָבער דער מענטש וואָס ווייסט אַז ער האָט נישט קיין אייגענע זכותים, נאָר שטענדיג טוט דער אויבערשטער מיט איהם חסדים, כאָטש ער איז נישט כדאי און ראוי דערצו, אַזאַ איינער ווייסט דאָך אויך גאַנץ גוט אַז דעם אויבערשטען רחמנות און זיין מדת החסד, האָט נישט קיין גרעניץ, און ממילא, איז נישט דאָ אַ סיבה אַז דאָס מאָל זאָל ער איהם נישט געבן אַ 'מתנת חינם', אַזוי ווי ער גיט איהם שטענדיג.

**י.** מ'קען צוליגן צו די ווערטער פונעם "אור החיים" הקדוש, לויט ווי עס שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (חודש ניסן, מאמר א, סי' ג), דער מדרש פרעגט (שוחר טוב תהלים צא) פאַרוואָס זענען אידן אַמאָל מתפלל אויף אַ ישועה, און זיי ווערן נישט געהאָלפן? ענטפערט דער מדרש, ווייל זיי ווייסן נישט "להתפלל בשם", צו דערמאָנען דעם אויבערשטען'ס נאָמען ווען זיי דאַווענען. פרעגט דער "בני יששכר", ווי אַזוי איז שייך צו זאָגן אַז די אידן זענען נישט מתפלל מיט'ן אויבערשטען'ס נאָמען, זיי זאָגן דאָך "ברוך אתה ה' אלוקינו" וכו'? (זעה "בני יששכר" דאָרט).

ענטפערן די ספרים בדרך רמז, על דרך משל, איינער איז געגאַנגען ביינאַכט אויפ'ן וועג, און ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט. פלוצלינג זענען איהם באַפאַלן אַ באַנדע פאַרברעכער, און האָבן איהם אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, וואו עס דרייען זיך נישט מענטשן, נאָר "חייתו יער" - ווילדע חיות וואָס גייען אויף צוויי פיס. זיי האָבן איהם צוגעבונדן אַז ער זאָל נישט קענען אַנטלויפן פון דאָרט, און האָבן אָנגעהויבן זוכן און נישטערן אין זיינע טאַשן. פלוצלינג, האָט דער מענטש געהערט דעם קול פון פּאָליציאַנטן, וועלכע גייען פונדערווייטנס, און ער האָט אָנגעהויבן שרייען: "פּאָליציי, ראַטעוועט! פּאָליציי, ראַטעוועט מיך!". איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיינע געשרייען קומען אַרויס פון האַלדז, מיט דער אנערקענונג אַז זיין צרה איז אַן אמת'ע צרה, און אַז נאָר די פּאָליציאַנטן קענען איהם ראַטעווען דאָס לעבן און זיין פאַרמעגן פון די רויבער...

אָט אַזוי, אויפ'ן זעלבן אופן ממש, דאַרפן זיין אונזערע תפילות און תחנונים צום באַשעפער, ווייל מיר האָבן נישט אַן אַנדערן "גואל ומושיע" - אַן אויסלייזער און אַ העלפער - נאָר דיך אַליין, באַשעפער. נאָר דו קענסט אונז העלפן. און אויף דעם זאָגן חז"ל, אַז די אידן דאַווענען און ווערן נישט געענטפערט, ווייל זיי זענען נישט "מתפללים בשם". דאָס הייסט, אַוודאי 'קענען' מיר דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און מיר זאָגן "ברוך אתה ה' אלוקינו", אָבער

**ג.** דער דריטער תנאי: "זמן התפלה" - די צייט ווען דער מענטש דאַווענט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, יד) "ואני תפלתי לך ה' עת רצון"[יא]. און אויף דעם זאָגט דער פסוק "בעת ההוא" אין יענע צייט (פונעם 'עת רצון').

**ד.** דער פערטער תנאי: די תפילה זאָל אַרויסגעזאָגט ווערן אויף אַ קלאָרן אופן, "ולא תהיה סובלת פירוש בלתי הגון", מ'זאָל נישט קענען אַריינטייטשן דערין אַ נישט ריכטיגע כוונה[יב]. און אויף דעם פירט אויס דער פסוק: "לאמור". דאָס הייסט, משה האָט

---

מיר ווייסן נישט און אנערקענען נישט אַז נאָר דער אויבערשטער איז דער "אַדרעס" צו ווערמען מיר קענען און מיר דאַרפן זיך ווענדן. די תפילה קומט נישט מיט אַ געפיל אַז מ'פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען, און דעריבער פועל'ט עס נישט דאָס וואָס עס קען באמת אויס'פועל'ן.

אַמאָל איז כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן, הרה"ק בעל "דברי אמונה" זי"ע, געפאָרן צום ים צוליב געזונטהייט-צוועקן. זייענדיג אין וואַסער, איז ער פלוצלינג פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ גרויסער כוואַליע פון וואַסער, און איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין די טיפענישן פון ים, ווייט פונעם ברעג ים. נאָר בחסדי ה', איז דער רבי געראַטעוועט געוואָרן. יאָרן שפּעטער, האָט ער דערציילט די מעשה פאַר זיין אייניקל, הרה"ג רבי אשר אנשיל הכהן כ"ץ שליט"א, און ער האָט איהם געפרעגט (לויט ווי הרב הנ"ל האָט עס פאַרשריבן) בזה הלשון: "וואָס מיינסטו, האָב איך געטוהן ווען איך בין געווען אונטער'ן וואַסער? דו טראַכסט אַוודאי, אַז איך האָב שוין געזאָגט 'ווידוי', און געשריגן 'שמע ישראל'... ניין, ניין. איך האָב נישט געזאָגט קיין ווידוי, איך האָב נאָר אויסגעשריגן מיט אַלע מיינע כוחות, טאַטעניו, נאָר דו קענסט מיר העלפן... העלף מיר... און דאַן איז געקומען אַ כוואַליע פון אונטן, און האָט מיך אויסגעשפּיגן צום ברעג ים, עכ"ל (געברענגט אין ספר 'זכור לאברהם').

**יא.** אין דעם כלל איז אויך ווען מ'דאַווענט מיט'ן ציבור, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ח.) אויף דעם פסוק, 'ואני תפלתי לך ה' עת רצון', אַז ווען דער ציבור דאַווענט, איז אַן 'עת רצון' אין הימל.

**יב.** דער "אור החיים" הקדוש ברענגט אויף דעם אַ מעשה וואָס ווערט דערציילט אין מדרש (אסת"ר פ"ז, כד) אַ מענטש איז געגאַנגען אויפ'ן וועג. אינמיטן וועג, האָט ער געשפּירט אַז זיינע כוחות לאָזן זיך אויס ח"ו, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געבעטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם צושיקן אַן אייזל. פּונקט איז אַדורכגעפאָרן אַ שר, וואָס זיין אייזל האָט געבוירן אַ קינד אונטערוועגנס, און מ'האָט געדאַרפט טראָגן דעם ניי-געבוירענעם אייזל אויף דער פּלייצע. האָט דער שר באַפוילן דעם איד אַז ער זאָל טראָגן דאָס אייזל, און בלית ברירה האָט דער איד גענומען דאָס קליינע אייזעלע און עס געטראָגן. אַזוי איז ער געגאַנגען אויפ'ן וועג און געוויינט, און געזאָגט, אַז דאָס איז איהם געקומען (ער זאָל דאַרפן טראָגן דאָס אייזל, טראָץ דעם וואָס ער האָט נישט קיין כוח), וויבאַלד ער האָט נישט געבעטן דעם אויבערשטען קלאָר, אַז ער נויטיגט זיך אין אַן אייזל "צו רייטן דערויף". וועגן דעם האָט דער אויבערשטער איהם טאַקע געשיקט אַן אייזל, אָבער נישט צו ראַטעווען דערויף, נאָר ער רייט גאָר אויף מיר...

האָט געפרעגט הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל, מגדולי חבורת חסידי סלאָנים, וואָס איז דאָ געווען אַזוי גרויס דער צאָרן אויף איהם אַז ער זאָל אַזוי באַשטראָפט ווערן? צו דען ווייל ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט קלאָר וואָס ער דאַרף האָבן, האָט ער פאַרדינט אַזאַ גרויסן עונש, צו דאַרפן טראָגן דעם אייזל ביז'ן שטאָט אַריין, כאָטש ער איז נישט געווען בכוח עס צו טוהן?

האָט רבי משה מידנער געענטפערט, אַז דער איד איז געשטראָפט געוואָרן ווייל ער האָט נישט געדאַווענט מיט'ן געפיל אַז אידן זענען "בנים למקום" - דעם אויבערשטען'ס קינדער. ווען אַ איד דאַווענט צום אויבערשטען, דאַרף ער רעדן צום באַשעפער אַזוי ווי אַ קינד וואָס "שמועסט זיך אויס" מיט זיין פאָטער. ער שעמט זיך אינגאַנצן נישט צו בעטן עפּעס ביי זיין טאטע. ער זאָגט קלאָרע ווערטער: 'ליבער פאָטער, איך בין מיד פון שווערן וועג. איך בעט דיך, גיב מיר אַן אייזל צו רייטן דערויף, און אַזוי וועט מיר לייכטער ווערן'. אויב מ'בעט אויף אַזאַ אופן, מיט אַ געפיל פון אַ נאָנטקייט צום באַשעפער, ווערט מען געהאָלפן מיט אַלעם גוטן.

די טייערע ווערטער, האָט דער צדיק רבי משה מידנער זצ"ל געזאָגט זיבן וואָכן פאַר זיין הסתלקות לחיי העולם הבא, צו זיין גוטן פריינט, הרה"ח ר' הערשל דובינסקי ז"ל הי"ד פון קרינקי, און ער האָט צוגעגעבן:

- אויב דו וועסט זיך אַמאָל נויטיגן אין אַ ישועה, זאָלסטו זאָגן צוויי קאַפּיטלעך תהלים, און דערנאָך זאָלסטו אַרויסזאָגן פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא דיין פאַרלאַנג מיט אַ פול מויל, אָן קווענקלעניש, און אָן רמזים... אויך בעט

געזאָגט זיין בקשה ווי געהעריג, אויף אַ קלאָרן אופן, אַז מ'זאָל עס נישט קענען אויסטייטשן אויף אַ נישט-ריכטיגן וועג, עכדה"ק פונעם "אור החיים" הקדוש[יג].

וועגן דעם ענין פון אַרויסזאָגן די תפלה אויף אַ קלאָרן אופן, שרייבט שוין דער של"ה הקדוש (תורה שבכתב, וישלח, ריש דרך חיים תוכחת מוסר), אין נאָמען פון זוהר הקדוש (ח"א קסט.) אויפ'ן פסוק (בראשית לב, יב) "הצילני נא מיד אחי מיד עשיו". פון דאָ זעהט מען, אַז ווען דער מענטש דאַווענט, דאַרף ער אַרויסזאָגן זיינע ווערטער קלאָר, "באר היטב". און וועגן דעם האָט יעקב אבינו ע"ה געבעטן "הצילני נא מיד אחי", ראַטעווע מיך פון דער האַנט פון מיין ברודער, און ער האָט תיכף צוגעלייגט קלאָרע ווערטער: "מיד עשיו" - פון דער האַנט פון עשו, כאָטש ער האָט דאָך באמת נישט געהאַט מער ווי איין ברודער, עשיו. און דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, פאַרוואָס דאַרף איך אַרויסזאָגן קלאָר מיין בקשה, דער אויבערשטער איז דאָך דער "בוחן לבות", וועלכער ווייסט אַלע מחשבות פונעם מענטש, אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרף איך עס אַרויסזאָגן? נאָר ער זאָל שטיין פאַר דעם באַשעפער ווי אַ זון וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטן, און דאַן וועט ער אויס'פועל'ן מיט זיין תפילה אַלע זיינע בקשות.

**נחמו נחמו עמי - דער בוכ"ע בעט זיך ביי אונז, מיר זאלן זיך טרייסטן**

**היינטיגן** שבת, זאָגן מיר די הפטרה "נחמו נחמו עמי, יאמר אלקיכם". דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאָלק. רבי חנינא בר פפא האָט געזאָגט, די אידן האָבן געזאָגט צו ישעיה הנביא: ישעיה, אונזער רבי. דו וועסט זאָגן אַז דו ביזט געקומען טרייסטן נאָר דעם דור וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן אין זיין צייט? האָט ישעיה געענטפערט: איך בין געקומען טרייסטן אַלע דורות.

---

איך ביי דיר, אַז דו זאָלסט דעמאָלס אויך דערמאנענען מיין נאָמען, 'משה בן רחל', וועט עס זיין אַ טובה סיי פאַר מיר, סיי פאַר דיר... (געברענגט אין ספר 'מסוד שיח').

'מענין לענין, באותו ענין': אַ איד איז אַמאָל אַריינגעקומען צום גאון בעל "חזון איש" זי"ע, און דער "חזון איש" האָט באַמערקט אַז זיינע שיך זענען צעריסן, אוף אַן אופן וואָס אַ נאָרמאַלער מענטש גייט נישט אָנגעטוהן אַזוי. האָט דער "חזון איש" איהם געפרעגט פאַרוואָס ער קויפט נישט נייע שיך. האָט דער איד געענטפערט: 'כי תם הכסף'... דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט... האָט דער "חזון איש" איהם געפרעגט, אויב ער האָט שוין געבעטן פון דעם אויבערשטען ער זאָל איהם שיקן געלט צו קויפן שיך, און דער איד האָט געענטפערט, אַז ער שעמט זיך פשוט צו בעטן ביי דעם אויבערשטען אַ פּאָר שיך... עס פּאַסט נישט צו בעטן אַזעלכע קלייניגקייט פון דעם גרויסן באַשעפער. האָט דער "חזון איש" איהם געזאָגט:

- הער נאָר, מיין קינד. אַזאַ 'הנהגה' ווי דיינע (זיך צו שעמען צו בעטן פון דעם אויבערשטען, אויך 'קלייניגקייטן') **שטאַמט נישט** פון 'יראת הרוממות', אָדער פון בושה פאַר דעם באַשעפער... נאָר פון 'דערווייטערונג'. עס איז דערפאַר ווייל דו שפּירסט נישט אַ קשר און אַ שייכות מיט אונזער גרויסן פאָטער אין הימל. אויב דו וואָלסט באמת געשפּירט אַז דער אויבערשטער איז דיין 'פאָטער', און ער הערט די תפילה פון יעדן איד, וואָלסטו אוודאי נישט געזעהן אַן אָרט זיך צו שעמען דערמיט (צו בעטן פון איהם אַ פּאָר שיך). אַזוי ווי אַ קינד וואָס זאָגט אָפען צו זיין טאַטן, 'טאַטע זיסער, מיינע שיך האָבן זיך צעריסן... איך בעט דיך, קום מיט מיר אין געשעפט, און קויף מיר נייע שיך...'. און אַוודאי און אַוודאי אויב דער טאַטע איז רייך און ער קען זיך ערלויבן אַ סאַך מער ווי אַ פּאָר שיך, דאַן שעמט זיך זיכער נישט דאָס קינד צו בעטן פונעם רייכן טאַטן אַ פּאָר שיך.

און דער 'חזון איש' האָט אויסגעפירט:

- היד ה' תקצר? פאַר דעם אויבערשטען, פעלט דאָך גאָרנישט, און אויב אַזוי, האָסטו נישט וואָס זיך צו שעמען צו בעטן פון איהם דיינע באַדערפענישן.

**יג.** איינער פון די גדולי הדור דערציילט אַ מורא'דיגע מעשה, אַ איד האָט געהאַט אַן איינציגע טאָכטער, און ער האָט זייער געגליסט צו האָבן נאָך קינדער, זון און טעכטער. ער האָט כסדר 'געבעטן' אַז זיין הויז 'זאָל פול ווערן מיט קינדער'. דער סוף איז געווען, אַז יענע טאָכטער האָט זיך ליידער געג'גט פון איר מאַן, און זי איז צוריקגעקומען צו אירע עלטערן אין הויז, מיט אירע קינדער. דעמאָלס איז דאָס הויז 'פול געוואָרן' מיט קינדער...

דער פסוק זאָגט נישט "אמר" אלקיכם, נאָר "יאמר" אלקיכם", עכ"ל.

**דער** פשט אין די ווערטער פון מדרש איז, אַז יעדעס יאָר נאָך די טעג פון "בין המצרים", ווען מ'קלאָגט אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף גלות ישראל, רופט אויס אַ "בת קול" אין הימל, "נחמו נחמו עמי". דער אויבערשטער פירט אַדורך אַ רוח פון טרייסט און נחמה פאַר זיין באַליבט פאָלק, די אידן[יד]. דער אויבערשטער טרייסט אידן און שטאַרקט זייערע הערצער. דער באַשעפער, וואָס איז דער "הרופא לשבורי לב", היילט אויס אַלע צובראָכענע הערצער, און ער היילט אויס אויך דעם טרויער אין אונזער האַרץ[טו].

**נאָך** מער: דער אויבערשטער בעט זיך ביי אונז, מיר זאָלן זיך טרייסטן און שטאַרקן - נחמו נחמו עמי[טז].

**אַזוי** שרייבט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע (מכתב כו) אַז דעמאָלס ווען "נחמו נחמו עמי"[יז], די אידן טרייסטן זיך און נעמען אויף זיך די גזירה פון הימל מיט ליבשאַפט, ווייסנדיג אַז דאָס

**יד.** אַזוי איז משמע פון די ווערטער פון דעם גאון בעל "חתם סופר" זי"ע (מטות מסעי, ד"ה "והיה מדי", ועיין עוד בהגהות לשו"ע או"ח סי' תקנ"א) אין נאָמען פונעם ירושלמי (סוף מס' תענית) אַז נאָך תשעה באב פאַנגט זיך אָן אַ נייער חודש.

מיט דעם געדאַנק, טייטשט דער "חתם סופר" דעם פסוק (ישעיה סו, כג) "והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו" וגו'. עס ווערט באַנייט אַ חודש אין דעם חודש. זאָגט דער "חתם סופר", אַז צוליב דעם פירט מען זיך צו רופן דעם חודש וואָס ווערט באַנייט נאָך תשעה באב, מיט'ן נאָמען "מנחם". דאָס איז די כוונה פון די ווערטער "חודש בחדשו". ביז צום ניינטן טאָג אין חודש, איז דער ערשטער חודש וואָס ווערט גערופן "אב". דערנאָך קומט דער צווייטער חודש, וואָס הייסט "מנחם".

דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער פונעם נביא ישעיה דאָרט, "ומדי שבת בשבתו". דאָס גייט אַרויף אויף שבת נחמו, וואָס דעמאָלס קומט יעדער איינער כדי זיך צו בוקן אויפ'ן הר בית ה', אין דעם באַרג פון באַשעפער'ס הויז. (מיר געפינען טאַקע אין תשובות "חתם סופר", טייל תשובות וואו ער צייכנט אָן דעם דאַטום, "חודש מנחם". אין "חתם סופר", או"ח סי' ד', און נאָך).

**טו.** כ"ק מו"ח אדמו"ר מזוטשקא זצ"ל האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן רמז אויפ'ן פסוק (ישעיה א, א) "חזון ישעיהו בן אמוץ". "חזון" איז דער טייטש זעהן. דער מענטש וואס וויל זעהן זיין ישועה ("ישעיהו"), קען זוכה זיין דערצו דורך "בן אמוץ", דורך זיך שטאַרקן (אין אמונה) איז מען זוכה צו זעהן די גאַנצע ישועה.

**טז.** עס שטייט אין ספר "מנהג טוב" (געדרוקט אין יאָר תרפ"ט, פון אַן אַלטן כתב-יד פון איינעם פון די חכמי איטליא), אַז ס'איז אַ גוטער מנהג זיך נישט אָפּצושערן ביז ערב שבת נחמו, אָבער ווען עס קומט אָן ערב שבת נחמו, איז אַ חיוב זיך אָפּצושערן, כדי צו דערפרייען דעם גוף און אויפנעמען דעם שבת בשמחה ובטוב לבב. מ'זאָל זיך טרייסטן מיט אַ סאַך נחמות, און דער באַשעפער זאָל אונז טרייסטן מיט די נחמה פון ציון עיר שלם, ע"כ.

ענליכע ווערטער שרייבט דער מהרי"ל ז"ל (סדר תפלת תשעה באב, אות כז) אַז שבת נחמו איז דער שבת תיכף נאָך תשעה באב. "וישמחו כל העם ויבטחו בנחמת הגואל", און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך פרייען, און זיך פאַרזיכערן מיט די טרייסט פונעם גואל.

ענליכע ווערטער שרייבט דער ריטב"א (תענית כו:) אויף די ווערטער פון די משנה, "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב", אַז צוליב דעם פירט מען זיך צו מאַכן אַ סעודה שבת נאָך תשעה באב. אַזוי שרייבט אויך דער "בן שועיב" (אַ תלמיד פונעם רשב"א) **פרשת ואתחנן** (געברענגט אין ספר "יוסף אומץ", סי' תתע"ד), אַז ס'איז אַ מצוה צו פראַוזען שבת נאָך תשעה באב אַלס אַ יום טוב.

**יז.** דער "חפץ חיים" זי"ע האָט ביי זיין לעבן פאַרלוירן אַ זון, הגאון רבי אברהם זצ"ל. דער "חפץ חיים" האָט זיך אָבער זייער געשטאַרקט מיט אמונה, און במשך פון די גאַנצע "שבעה" האָט ער גע'חזר'ט דאָס לשון פון פסוק (איוב א, כא) "ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך".

ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון דער וואָך פון "שבעה", האָט דער "חפץ חיים" געהערט ווי מענטשן רעדן מיט התפעלות וועגן דעם אופן ווי אַזוי ער האָט מקבל געווען באהבה דעם אויבערשטען'ס גזר דין. האָט דער "חפץ חיים" דערציילט וואָס עס ווערט געברענגט אין ספר "תולדות אדם", אַז אין דער צייט פון דער שרעקליכער

איז אַ גזירה פונעם באַשעפער[יח]. "יאמר" - זאָגט דער אויבערשטער. "אלקיכם" - איך בין אייער גאָט, און אַזוי שטייגט דער מענטש העכער און העכער[יט].

**די** גמרא אין מסכת' גיטין (נח.) וואו עס רעדט זיך וועגן דעם חורבן בית המקדש, דערציילט אַ מעשה, רבי יהושע בן חנניה איז געגאַנגען צו אַ גרויסע שטאָט אין רוים, און מ'האָט איהם דערציילט אַז עס איז דאָ אין תפיסה אַ אידיש קינד מיט שיינע אויגן, ער זעהט אויס גוט, און צעפּ אין זיינע האָר. איז רבי יהושע בן חנניה אַריבערגעגאַנגען צו די תפיסה, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער. דאָרט האָט ער געזאָגט דעם פסוק (ישעיה מב, כד) "מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים". ווער האָט איבערגעגעבן די אידן אין די הענט פון רויבער. האָט דאָס קינד געענטפערט: "הלא ה' זו חטאנו לו, ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו". מיר האָבן געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטען, און האָבן נישט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן, און האָבן נישט געפאָלגט זיין תורה, און דערפאַר זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. האָט רבי יהושע בן חנניה: איך בין זיכער אַז דאָס קינד וועט נאָך פסק'ענען שאלות פאַר אידן.

**דערנאָך** האָט רבי יהושע בן חנניה געשוואוירן אַז ער וועט נישט אַוועקגיין פון דאָרט, ביז ער וועט אויסלייזן דאָס יונגל פאַר יעדן פרייז וואָס מ'וועט פון איהם פאָדערן. די חז"ל זאָגן, אַז ער האָט זיך טאַקע נישט אַוועקגערירט פון אָרט, ביז ער האָט אויסגעלייזט

---

אינקוויזיציע אין שפּאַניע, האָבן די רשעים ימ"ש געכאַפּט צוויי ברידער, קליינע קינדער, און זיי גע'הרג'עט פאַר די אויגן פון זייער מאמע. האָט די מאמע געזאָגט הויך אויפ'ן קול: "רבונו של עולם, דו האָסט געשריבן אין דיין תורה (דברים ו, ה) 'ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך'. מ'דאַרף ליב האָבן דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ. נו - האָט די מאמע פון די צוויי קינדער געזאָגט - ביז יעצט איז מיין האַרץ געווען צעטיילט. אַ העלפט פון מיין האַרץ איז געווען איבערגעגעבן צו מיין ליבשאַפט פאַר דעם באַשעפער ברוך הוא, און אַ העלפט פון מיין האַרץ איז געווען איבערגעגעבן צו די ליבשאַפט פאַר מיינע צוויי קינדער. פון יעצט און ווייטער, וועל איך שוין קענען ליב האָבן דעם אויבערשטען בשלימות, מיט'ן גאַנצן האַרץ.!

**יח.** אַמאָל ווען אַ טאָכטער פון הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע איז געלעגן על ערש דוי ל"ע, און מ'איז געקומען זאָגן פאַר איר טאַטן אַז זי האַלט ביי גסיסה רח"ל, האָט דער רבי ר' הערש געזאָגט אַ רמז אויף דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ג, כג-כד) "ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמור, ה' אלקים" וגו'. "בעת ההוא" איז פון לשון ציטערניש (אַזוי ווי דאָס וואָרט "בעתה", וואָס מיינט פחד). משה רבינו ע"ה האָט געבעטן ביי דעם אויבערשטען, אַז אויב עס וועט קומען אויף איהם אַ צרה ח"ו, זאָל ער אויך דעמאָלס זוכה זיין צו זאָגן "ה' אלקים". אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, אבינו אב הרחמן, פאַר די טובה פונעם מענטש.

**יט.** דער מאַקעווער רב, הגאון רבי משה נתן נטע לעמבערגער זצ"ל, זאָגט ("עטרות משה", תמוז-אב, ע' שיג) אויף די ווערטער פון חז"ל, אַז ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען די "כרובים" אין בית המקדש, געווען באַהאָפטן איינער צום אַנדערן. פרעגן די ראשונים, מיר ווייסן דאָך אַז די כרובים זענען געשטאַנען מיט'ן פנים איינער צום צווייטן, נאָר דעמאָלס ווען די אידן האָבן געטוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען, אָבער ווען די אידן האָבן נישט געטוהן דעם אויבערשטען'ס ווילן, איז זייער פנים געווען אויסגעדרייט צום הויז. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, בשעת'ן חורבן, ווען די אידן האָבן ליידער געזינדיגט, ווי אַזוי האָבן די כרובים געקענט שטיין איינער מיט'ן פנים צום אַנדערן?

האָט דער מאַקעווער רב געענטפערט, אידן האָבן גענומען אויף זיך דעם עול הגלות, ווייל זיי האָבן געזעהן אַז דאָס איז דער ווילן פון דעם אויבערשטען, ווי מיר זאָגן (סליחות ליום הכיפורים) "וטהר רבי ישמעאל עצמו, ונם לו קבלו עליכם צדיקים וידידים, כי שמעתי מאחורי הפרגוד כי בזאת אתם נלכדים". דאָס עצם אָננעמען מיט ליבשאַפט די גזירה פון דעם אויבערשטען, איז אין דער בחינה פון "עושין רצונו של מקום". דערמיט טוהן זיי דעם רצון פון דעם אויבערשטען. וועגן דעם, זענען די "כרובים" געווען באַהאָפטן און געשטאַנען מיט'ן פנים איינער צום אַנדערן, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן.

מ'קען צולייגן, אַז דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פונעם פייטן: "קבלו עליכם צדיקים וידידים". דורך דעם וואָס איר נעמט אָן מיט ליבשאַפט דעם גזר דין פונעם אויבערשטען, זענט איר "צדיקים" און "ידידים".

**דאָס** קינד פאַר אַ גרויסן סכום געלט. ביז אַ קורצע צייט, איז דאָס קינד טאַקע געוואָרן אַ מורה הוראה בישראל, און ווער איז דאָס געווען? זאָגט די גמרא, דאָס איז געווען רבי ישמעאל בן אלישע.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך האָט רבי יהושע בן חנניה געזעהן אין דעם קינד, אַז ער איז געווען זיכער אַז ער וועט זיין אַ מורה הוראה בישראל?

**ענטפערט** דער סלאָנימער רב, הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זצ"ל, אַז ווען רבי יהושע בן חנניה האָט געפרעגט, "מי נתן למשיסה יעקב" וגו', האָט דאָס קינד געקענט ענטפערן (אַזוי ווי אַ צווייטער וואָלט מסתמא געענטפערט) אַז די אידן זענען אַדורכגעפאַלן אין דער מלחמה, ווייל זייער אַרמיי איז נישט געווען גענוג מעכטיג... אָדער פאַרקערט, זיי זענען אַדורכגעפאַלן ווייל עס האָט אויסגעבראָכן אַ "ברידער קריג", אָדער ווייל זיי זענען געווען אונטער אַ באַלאַגערונג אַ לענגערע צייט, און דאָס האָט זיי אָפּגעשוואַכט.

**דאָס** קינד האָט אָבער נישט געקוקט אויף נאַטורליכע סיבות, נאָר ער האָט געהאַט אַ קלאָרע אמונה אַז אידן זענען געגאַנגען אין גלות נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער אַרויסגעגעבן אַ גזירה. ער האָט אָנגענומען דעם דין שמים מיט ליבשאַפט, זאָגנדיג "הלא ה' זו חטאנו לו" וגו'. פון דעם איז רבי יהושע בן חנניה אַזוי שטאַרק נתפעל געוואָרן, און ער האָט געזאָגט אַז ער איז זיכער אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן אַ רב, אַ מורה הוראה ביי אידן, ביז ער איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַלס דער הייליגער תנא רבי ישמעאל בן אלישע[כ].

**מורא'דיגע** ווערטער, געפינען מיר אין ספה"ק "שפת אמת" (דברים תרמ"ב, ד"ה "בפסוק") אויפ'ן פסוק אין דער פריערדיגער סדרה (דברים א, כז) "בשנאת ה' אותנו הוציאנו מארץ מצרים לתת אותנו ביד האמורי להשמידנו". זאָגט דער "שפת אמת", דער מדרש זאָגט (במדב"ר, פ' שלח) אַז אויף דעם זאָגט דער נביא (ירמיה יב, ח) "נתנה עלי בקולה, על כן שנאתיה". "אותו קול שבכיתם, גרם לכם להיות שנואים", דער קול פון אייער געוויין (ווען איר האָט געזאָגט אַז דער אויבערשטער האָט אייך

---

**כ.** דער מדרש (קה"ר פ"ב, ד) ברענגט אַ מעשה, אַ "בר נש מרברבי בבל" - איינער פון די "גרויסע לייט" פון בבל, האָט געפראַוועט אַ חתונה פאַר זיין זון. אין פערטן טאָג, האָט ער צוגעגרייט אַ סעודה פאַר די חכמים, און אינמיטן די סעודה, האָט ער באַפוילן פאַר זיין זון אַרויפצוגיין אויפ'ן בוידעם, און ברענגען א גוטע פעסל וויין פון דאָרט. ווען דער זון איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם צו ברענגען דעם וויין, האָט אַ גיפטיגער שלאַנג איהם געביסן און ער איז געשטאָרבן ל"ע. דער פאָטער האָט געוואַרט אַז זיין זון זאָל אַראָפּקומען, און זעהענדיג אַז ער קומט נישט צוריק אַראָפּ, האָט דער טאַטע געזאָגט, "איך וועל גיין זעהן וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם, אַז ער פאַרברענגט דאָרט אַזוי לאַנג".

ווען דער טאַטע איז אַרויפגעקומען אויפ'ן דאַך, האָט ער געזעהן אַז אַ שלאַנג האָט געביסן זיין זון און ער ליגט אַ טויטער רח"ל צווישן די פעסער. האָט דער חסיד צוגעוואַרט ביז די געסט האָבן געענדיגט עסן און טרינקען ביי די סעודה, און ווען זיי האָבן געענדיגט זאָגן ברכת המזון, האָט ער געזאָגט צו די געסט:

- רבותי, איר זענט דאָ געקומען זאָגן אַ 'ברכת חתנים' אויף איהם, יעצט זאָלט איר זאָגן אַ 'ברכת אבלים'. איר זענט געקומען צו אַ חופה, אבער ליידער לייגט מען איהם אַריין אין קבר.

פרעגט הגאון רבי משה שמואל שפירא זצ"ל, דער ראש ישיבה פון באר יעקב, פאַרוואָס ביים אָנהייב פון דער מעשה, רופט דער מדרש דעם פאָטער: "בר נש" - אַ "פאַרשוין" (מיט אַ לשון פון זלזול), און שפּעטער באַצייכנט איהם דער מדרש אַלס אַ "חסיד" ("אותו חסיד")? ווען איז ער אַזוי ווייט געשטיגן, צו ווערן פון אַ "בר נש", אַ "חסיד"?

האָט דער ראש ישיבה געענטפערט, אַז אין אַ צייט ווען ער האָט געזעהן דעם טויט פאַר די אויגן און זיין שמחה איז ליידער איבערגעקערט געוואָרן צו טרויער כפשוטו, און פונדעסטוועגן, האָט ער נישט פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט, נאָר ער האָט אָנגענומען מיט ליבשאַפט דעם באַשעפער'ס גזירה, און געזאָגט פאַר די געסט זיי זאָלן זאָגן אַ "ברכת אבלים" אויפ'ן שלעכטן רח"ל, פונקט ווי זיי האָבן געוואָלט מאַכן אַ 'ברכת חתנים' אויפ'ן גוטן. אַזוי איז ער דערהויבן געוואָרן אין איין מינוט, פון אַ "בר נש", צו די העכסטע מדריגות, ווייל ער האָט מצדיק געווען אויף זיך דעם דין שמים, און ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע מדריגה ווי אָננעמען באהבה דעם דין שמים!

אַרויסגענומען פון מצרים ווייל ער וויל אייך איבערגעבן אין די הענט פון דעם אמורי כדי אייך צו פאַרטיליגן ח"ו), האָט גורם געווען אַז איר זאָלט זיין פאַרפיינטעט (ביי דעם אויבערשטען כביכול).

**זעהט** מען פון די ווערטער פון מדרש, אַז די עצם ווערטער וואָס זיי האָבן געזאָגט אַז דער אויבערשטער שטראָפט זיי ווייל ער האָט זיי פיינט, האָט גורם געווען אַז עס זאָל טאַקע אַזוי פאַסירן, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי פיינט האָבן רח"ל. באמת, האָט דער אויבערשטער אָבער געמיינט די טובה פון די אידן, אַז עס זאָל זיי גוט זיין, און נאָר ווייל זיי האָבן געזאָגט "בשנאת ה' אותנו", איז עס טאַקע איבערגעדרייט געוואָרן צו אַ פיינטשאַפט.

**שרייבט** דער "שפת אמת" ווייטער: מיר ווייסן אַז "מדה טובה מרובה", און אויך יעצט, אין דער צייט פון ביטערן גלות, אויב דער מענטש ליידט יסורים ח"ו, און ער שטאַרקט זיך מיט אמונה און ער זאָגט אַז דער אויבערשטער שטראָפט איהם צוליב זיין גרויסע "ליבשאַפט" פאַר איהם, אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס שטראָפט זיין קינד, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, יב) "את אשר יאהב ה' יוכיח", ווערט טאַקע דורך דעם באמת איבערגעדרייט, אַז עס זאָל זיין אַן אָפענע ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען, ביז ער איז מוחל פאַר'ן מענטש אַלע זיינע עבירות.

**און** אויף דעם זאָגט דער פסוק (משלי י, יב) "על כל פשעים תכסה אהבה", אויף אַלע עבירות, פאַרדעקט די ליבשאַפט. דאַרף מען פאַרשטיין, אויב עס זענען דאָ אַזוי פיל עבירות ח"ו, ווי אַזוי קענען זיי ווערן "צוגעדעקט" דורך די ליבשאַפט? נאָר דער פסוק מיינט צו זאָגן, אַז אויב דער מענטש נעמט אָן זיינע יסורים מיט ליבשאַפט, ווערן פאַרשוואונדן אַלע עבירות, צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואָס ווערט נתעורר אין הימל דורך דעם וואָס דער מענטש זאָגט אַז די גאַנצע "פורענות" קומט צוליב דעם אויבערשטען'ס ליבשאַפט צו איהם.

**דער** "שפת אמת" פירט אויס, אַז דאָס איז די כוונה פון די משנה (אבות פ"ו, מ"ו) "אוהב את התוכחות" (וואָס דער פשוט'ער פשט פון די ווערטער פונעם תנא איז, דער מענטש וואָס האָט ליב צו הערן ווערטער פון מוסר). קען מען זאָגן אַ רמז, ער גלייבט אַז די תוכחות זענען "מאהבה", ווען ער ווייסט אַז דער "מוכיח" איז איינער וואָס האָט איהם ליב, נעמט ער אָן מיט ליבשאַפט די תוכחה, און דורך דעם ווערט עס באמת איבערגעדרייט צו אַ ליבשאַפט. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ישעיה א, יח) "לכו נא ונוכחה יאמר ה', אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו" וגו'. דורך דעם וואָס מ'נעמט אָן באהבה די תוכחה ח"ו ("ונוכחה"), ווערן די עבירות ווייס, אַזוי ווי די מצוות, עבל"ק[כא].

**כא.** אין דער היינטיגער פרשה (ו, ה) לייענען מיר, "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך". זאָגן די חז"ל (ברכות נד.) "ובכל נפשך - אפילו הוא נוטל את נפשך. ובכל מאדך - בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו". דו זאָלסט שטאַרק ליבן דעם אויבערשטען ביי יעדע מאָס וואָס ער מעסט אָן פאַר דיר (צום גוטן, אָדער חלילה פאַרקערט).

איז שווער, אויב מ'האָט באַפוילן דעם מענטש ליב צו האָבן דעם אויבערשטען מיט מסירות נפש ממש, וואָס איז דען נאָך שייך צו זאָגן, "ובכל מאדך, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך"? איז דען דאָ אין דעם אַ גרעסערער חידוש, מער ווי דאָס גאַנצע מסירות נפש, וואָס דער פסוק זאָגט שוין אויף דעם "ובכל נפשך"?

ענטפערט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זי"ע (מכתבי קודש, ע' קמט), דער פסוק רעכנט טאַקע אויס דריי מדריגות, וואָס איינס איז העכער פון דער צווייטער, ווייל אַמאָל איז דאָס אָננעמען דעם דין באהבה, לויבנדיג דעם אויבערשטען "בכל מדה ומדה שהוא מודד לך", שווערער אַפילו ווי "נוטל את נפשך", און אויך אויף אַזאַ אופן האָט מען אונז באַפוילן ליב צו האָבן דעם אויבערשטען, "בכל מאדך".

אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגעגאָסן דאס הארץ פאַר'ן גרערער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, איבער זיין נידעריגן מצב ברוחניות, אַז ער שפירט זיך שוין אינגאַנצן "אויסגעטריקנט", אָן די מינדעסטע "פייכטקייט" פון קדושה. האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- אויב עס וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן דיר אַ גוי מיט אַ שווערד אין דער האַנט, כדי דיך צו צווינגען אַז דו זאָלסט עובר זיין אויף די דריי האַרבסטע עבירות רח"ל, צו דען וואָלסטו איהם געפאָלגט?

**ושמור נפשך מאד - דער נשמה דאַרף אַ גרעסערע שמירה ווי דער גוף**

"רק השמר לך ושמור נפשך מאד" (ד, ט). דו זאָלסט זיך היטן, און גאָר שטאַרק אָפּהיטן דיין זעהל.

**זאָגט** דער "כלי יקר", רק השמר "לך", איז דער טייטש, דו זאָלסט היטן דיין גוף, "ושמור נפשך מאד", דו זאָלסט שטארק היטן דיין נפש - די נשמה. ווען דער פסוק וואָרנט דיך צו היטן דיין גוף, זאָגט ער נישט "מאד", נאָר ביי שמירת הנפש: "ושמור נשפך מאד". דאס איז דערפאַר, ווייל ביי שמירת הנפש, דאַרף דער מענטש זיין געוואָרנט מער ווי ביי שמירת הגוף, און וועגן דעם זאָגט דער פסוק: "ושמור נפשך מאד", דאָ, ביי שמירת הנפש, זאָלסטו צולייגן אַ שמירה אויף די שמירה[כב].

**נאָך** מער, ווערט געברענגט (ס' "טהור רעיונים", לתלמידו הרה"ק ר' יו"ט נעטיל זצ"ל אב"ד טשעכיוו וראב"ד לובלין, פ' תצוה, ד"ה א"י ואתה תצוה א'), אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע (און ענליך שטייט אין ספר "אמת ואמונה", אות תפד, אין נאמען פון קאָצקער רבי'ן זי"ע), אַז ער האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק "רק השמר לך" וגו'. אַוודאי דאַרף דער מענטש אָפּהיטן זיין גוף, און איהם געבן צו עסן און צו טרינקען, און זיינע אַנדערע באַדערפענישן, אָבער ער דאַרף עס טוהן אויף אַן אופן פון "מיעוט" (נישט אַזוי מחמיר צו זיין דערין). אויף דעם זאָגט דער פסוק "רק" השמר לך, וואָס חז"ל זאָגן (סנהדרין מט.) "אכין ורקין מיעוטין". פאַר'ן גוף זאָלסטו זאָרגן, אָבער ווייניג. "ושמור נפשך", ווען עס קומט צו שמירת הנפש, "מאד" - זאָלסטו זעהן צו זיין גאָר שטאַרק אָפּגעהיטן[כג]. "מאד" איז אַ ריבוי[כד].

---

האָט דער איד געענטפערט: "חס ושלום, אַוודאי וואָלט איהם איהם נישט נאָכגעגעבן". האָט דער גערער רבי געזאָגט:

- פאַרוואָס טאַקע נישט? ווייל דער פסוק זאָגט, "ובכל נפשך", און די חז"ל דרש'ענען, "אַפילו נוטל את נפשך". ממילא, אויך דאָס וואָס עס שטייט פריער "בכל לבבך", דאַרף מען מקיים זיין אויף אַן אופן "אפילו נוטל את לבבך". דער מענטש איז מחויב צו דינען דעם אויבערשטען, אויך ווען ער שפּירט חלילה אַז מ'האָט צוגענומען זיין האַרץ, ווייל דאָס איז דאָך אַ חיוב גמור, פונקט אַזוי ווי דער חיוב צו האָבן מסירות נפש נישט עובר צו זיין אויף די דריי האַרבסטע עבירות ח"ו.

מיר ווילן צולייגן אויף אַן ענליכן אופן, אַז פונקט אַזוי ווי יעדער איינער איז גרייט אויף מסירות נפש כדי ער זאָל נישט עובר זיין אויף די דריי האַרבע עבירות ח"ו, אַזוי דאַרף מען האָבן מסירות נפש אָנצונעמען מיט ליבשאַפט די הנהגה פון דעם אויבערשטען ב"ה מיט איהם.

**כב.** דער "בן איש חי" (דרושים עה"ת, ריש פ' תשא, ד"ה "ששת") זאָגט אויף די ווערטער וואָס דער תנאי רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, איידער ער איז נסתלק געוואָרן לחיי עולם הבא: "ויהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם". זאָגט ער, ער האָט געמיינט צו זאָגן, איר זאָלט מורא האָבן פאַר דעם אויבערשטען, נישט צו זינדיגן חלילה, פונקט אַזוי ווי איר האָט מורא פאַר "בשר ודם" - פאַר אייער פלייש און בלוט... אַ מענטש טוט דאָך אַלע סאָרטן פעולות אויף דער וועלט צו היטן דעם געזונט פון זיין קערפּער, אַזוי זאָלט איר שטענדיג מורא האָבן פאַר דעם אויבערשטען, און זיך משתדל זיין אייביג צו פאַרגרעסערן דאָס יראת שמים.

הגה"ח רבי זלמן בריזל זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל גייענדיג אויף דער גאַס, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב פון "מי שופכין" (שמוציג וואַסער - "סוער" בלע"ז...), און זינט דאַן, יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָט ער גוט געקוקט צי ס'איז דאָ אַ גרוב. ווען ער האָט געזעהן פונדערווייטנס אַ גרוב, האָט ער זיך דערווייטערט דערפון ווי אַ פייל-און-בויגן, אויס מורא אַז ער וועט אַריינפאַלן דאָרט. אַזוי דאַרף דער מענטש וואָס זעהט אַ "מסוכן'דיגן גרוב" נאָנט, אַנטלויפן פון דאָרט ווי ווייט מעגליך...

ממילא, אויב מ'היט זיך אַזוי שטאַרק אויף שמירת הגוף, אַז מ'זאָל נישט קראַנק ווערן ח"ו, אזוי ווי מ'האָט – מיט בערך א יאר צוריק - געמאַכט אַזוי פיל הרחקות און הרחקות זיך נישט אָנצושטעקן מיט'ן "ווירוס", חלילה, איז דאָך אַוודאי אַ קל וחומר, בן בנו של קל וחומר, אַז מ'דאַרף זיך דערווייטערן פון יעדע זאַך וואָס טויג נישט ברוחניות.

**כג.** גאָר אַ סאַך אָפּגעהיטנקייט און הרחקות, פאַדערט זיך אין די יעצטיגע טעג, וואָס ווערן גערופן "בין הזמנים", ווי די ספרים ברענגען, דער בית המקדש איז געוואָרן געבויט פון מאַרמאָר שטיינער. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו זעהן בבוא לציון גואל, און מיר זאָלן זוכה זיין צו הערן פונעם אויבערשטען די ווערטער "נחמו נחמו עמי", און דער אויבערשטער זאָל טרייסטן אידישע קינדער מיט אַ 'נחמה בכפלים', בבנין ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן.

---

דאָס פייער געקענט פאַרברענען דעם בית המקדש? פייער פאַרברענט נישט אינגאַנצן שטיינער, עס טוט עס נאָר פאַרברענען פון דרויסן (ב"ק ו., רש"י דאָרט). נאָר די צורה פון די ווענט פון בית המקדש איז געווען אויף אַן אופן פון דריי שורות שטיינער פון מאַרמאָר, און איין שורה פון האָלץ. דאָס פייער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער שורה פון האָלץ, און עס פאַרלענדט, און אַזוי האָט עס געקענט פאַרלענדן די גאַנצע וואַנט, אויך דעם טייל פון מאַרמאָר שטיינער (ר"ה ד.).

פון דעם קענען מיר זיך אָפּלערנען אַ מורא'דיגן מוסר השכל: דער עיקר "חורבן" רח"ל קומט פון "צווישן די שורות", און אַזוי קען עס אויך קומען פון "בין הזמנים" - צווישן די זמנים...

על דרך רמז וצחות קען מען אויך זאָגן, מיר געפינען אין ספר "החינוך", אַז די מצוה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" ווערט גערעכנט אַלס מצוה שפ"ז (387), וואָס איז איין נומער פאַר שפ"ח אותיות "חפש" ("חופש" – וואַקאַציע...), צו לערנען, אַז די הקדמה צו די טעג פון "חופש" (וואַקאַציע), איז זיך צו שטאַרקן אין קיום פון דער מצוה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

מ'זאָגט, אַז דער גאַנצער ענין פון "בין הזמנים" איז ענליך צו אַ שטריק וואָס איז צוגעבונדן צו צוויי ביימער, און מ'זיצט דערויף און מ'שאָקלט זיך... אַזוי דאַרף עס זיין אין דער תקופה פון "בין הזמנים" (און וואויל איז פאַר דעם בחור אָדער יונגערמאַן, וואָס ער ווייסט נישט פון אַזאַ באַגריף ווי "בין הזמנים", אָבער מיר רעדן דאָ פון אַזעלכע וואָס עס איז זיי יאָ נוגע), אַז ער זאָל זיין "צוגעבונדן" צו ביידע זמנים, צום פריערדיגן זמן אין ישיבה אָדער כולל, און צום קומענידן זמן, הבא עלינו לטובה. אינמיטן איז דאָ צייט זיך אָפּצורוען אַביסל... אבער אך און ווי פאַר דעם מענטש וואָס דער "שטריק" צערייסט זיך און ווערט איבערגעהאַקט פונעם "בוים". אַזאַ איינער פאַלט אַראָפּ ח"ו אויף דער ערד און ער צוקלאַפּט זיך שטאַרק חלילה. אַזוי דאַרף מען זיין געוואָרנט זיך נישט אָפּצורייסן פון די "זמנים" אין ישיבה...

**כד.** ס'איז איבעריג צו זאָגן (אָבער ס'איז פּאַרט לעבנס-וויכטיג) ווי ווייט מ'דאַרף זיך דערווייטערן פון אַלע "כלים" משחיתים, וואָס זענען אַן "אבי אבות הטומאה" רח"ל.

די ספרים טייטשן די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די "זכרונות" (תפילת מוסף לראש השנה) "כי זכר כל היצור לפניך בא, מעשה איש ופקודתו ועלילות מצעדי גבר, מחשבות אדם ותחבולותיו ויצרי מעללי איש". "מעללי" איש פון לשון טוהן, ממילא, זענען די ווערטער "יצרי מעללי איש" מרמז אויף די "יצרים" וואָס ווערן געטוהן דורכ'ן מענטש. דאָס הייסט, דער מענטש אַליין איז דער וואָס האָט "געמאַכט" און געברענגט אויף זיך דעם יצר הרע, דורך דעם וואָס ער האָט אָנגערייצט דעם יצר הרע אויף זיך רח"ל. דורך קוקן אויף די טמא'נע "כלים", ברענגט דער מענטש אַריין אין זיך אַלע סאָרטן יצר הרע'ס וואָס ער האָט פריער נישט געוואוסט דערפון.

לויט דעם קען מען צולייגן, אַז דאָס איז אויך מרומז אין די "סיפא" פון די דערמאנטע ווערטער: "מחשבות אדם ותחבולותיו". עס פאַסירט אָפט מאָל אַז דער מענטש האָט שלעכטע מחשבות רח"ל, און זיין קאָפּ איז ליידער פאַרשטאָפּט און פאַרזיגלט פאַר יעדן דבר שבקדושה. פון דער צווייטער זייט, איז ער פאַרזינקען אין שלעכטע געדאַנקען ל"ע. דאַרף ער וויסן און געדענקען, אַז צו דעם איז ער צוגעקומען דורך "יצרי מעללי איש", דורך די יצר הרע'ס וואָס ער - דער מענטש - האָט אַליין געברענגט אויף זיך, ווי מ'טייטשט בדרך רמז דעם פסוק (איכה ג, נא) "עיני עוללה לנפשי". "עיני" - מיין אויג וואָס האָט ליידער געקוקט דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, "עוללה לנפשי" - האָט לייד גורם געווען די ירידה פון מיין נפש...

מיר דאַרפן האַלטן פאַר אונזערע אויגן, די ווערטער פון חז"ל (תענית כט.) אַז די שונאים האָבן אונטערגעצונדן דעם בית המקדש תשעה באב פאַרנאַכט, און דער בית המקדש האָט געברענט במשך דעם גאַנצן צענטן טאָג פון חודש אב, און רבי יוחנן האָט געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט געווען אין דעם דור פון חורבן בית המקדש, וואָלט ער באַשטימט די צייט צו פאַסטן און טרויערן אויף עשירי באב, ווייל דאַן איז פאַרברענט געוואָרן רוב פונעם היכל. פונדעסטוועגן, האָבן חז"ל מתקן געווען מ'זאָלט פאַסטן דעם ניינטן טאָג פון חודש, און נישט אין צענטן, ווייל "אתחלתא דפורענותא עדיפא" - דער אָנהייב פונעם פורעניות איז וויכטיגער. זעהען מיר אויך פון דעם, אַז דער

עיקר פון טרויער און חורבן איז ביים אָנהייב, אפילו אויב מ'איז נאָך נישט "פאַרברענט" געוואָרן רח"ל... ממילא, דאַרף מען זיך היטן אויפ'ן שטאַרקסטן אופן, נישט אָנצוהייבן זיך צו באַשעפטיגן מיט די טמא'נע "כלים", אַפילו מיט אַ לייכטן אָנריר...

די גמרא זאָגט (סוכה נב.) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער ברענגען דעם יצר הרע, און ער וועט איהם שחט'ן פאַר די אויגן פון די צדיקים און פון די רשעים. פאַר די צדיקים וועט ער אויסזעהן ווי אַ הויכער באַרג... די צדיקים וועלן וויינען, און, להבדיל, די רשעים וועלן וויינען. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס וועט מען לעתיד לבוא, ווען עס וועט זיין די גרויסע שמחה אויף דער וועלט, וויינען?!...

קען מען עס מסביר זיין, מיט אַ "מעשה שלא היה", אַ בחור איז געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין מדבר. דאָרט האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס וואַסער וואָס ער האָט מיטגענומען, און ער איז געוואָרן זייער דורשטיג. פּלוצלינג האָט ער געזעהן אַ געצעלט אינמיטן דעם ווייסן מדבר, און איז אַהינגעגאַנגען און געקלאַפּט אויף די טיר פונעם געצעלט. אַן אַראַבער האָט געעפענט די טיר און געפרעגט וואָס ער זוכט, האָט דער בחור זיך זייער דערשראָקן און איז אַנטלאָפן פון דאָרט "עוד בו נשמתו".

אַ צייט שפּעטער, האָט דער בחור געהערט, אַז אַן אַנדערער מענטש איז אַריינגעגאַנגען אינעם געצעלט כדי צו בעטן וואַסער, און דער אַראַבער האָט איהם אומגעברענגט רח"ל. האָט דער בחור אָנגעהויבן וויינען פון גרויס התרגשות און פרייד, זעהענדיג ווי ווייט ער איז גראַטעוועט געוואָרן פון אַ סכנת מוות דורך דעם וואָס ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין יענעם מערדערישן געצעלט.

דאָס זעלבע ברוחניות, אָפט מאָל, ווען דער מענטש שטאַרק זיך אויף זיין יצר, פילט ער עס נישט, אין דער בחינה פון "אין בעל הנס מכיר בניסו". ער ווייסט נישט פון וועלכער געפערליכער 'פּאַסטקע' ער איז באַצייטנס גראַטעוועט געוואָרן. נאָר שפּעטער, ווען ער זעהט מיט זיינע אייגענע אויגן דעם יצר און די פילע קרבנות וואָס זענען ליידער געפאַלן רח"ל דורך דעם יצר הרע פון טומאה, עפענען זיך די קוואַלן פון זיינע אויגן און ער פאַרגיסט הייסע טרערן פון גרויס התרגשות אַז ער איז נישט אַריינגעפאַלן אינעם תהום רח"ל.

לענינינו, עס זענען דאָ מענטשן וואָס היטן נישט אָפּ די גדרי הקדושה ווי עס דאַרף צו זיין, ווייל זיי ווייסן נישט ווי ווייט מ'קען חלילה אַריינפאַלן. מ'ווייזט דאָך איהם "נישט מער" ווי אַ בילד פון אַ "רב" אויף יענעם טמא'נעם "טעלעפאָן", און ער קוקט, ווייל ער ווייסט נישט ווי ווייט ער דאַרף זיך דערוווייטערן דערפון. ערשט ווען ער זעהט ווי אַנדערע וואָס האָבן געקוקט זענען ליידער אַדורכגעפאַלן, פאַרשטייט ער ווי ווייט ער האָט זיך גענדאַרפט היטן פון יענע "משחיתים".

מורא'דיגע ווערטער, האָט דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, געזאָגט צום פאָטער פון איינע פון די תלמידים פון זיין ישיבה "אהל תורה" אין באַראַנאָוויטש, ווען יענער האָט געוואָלט אַרויסנעמען זיין זון פון דער ישיבה, כדי ער זאָל זיך אויסלערנען אַ פאַך, מיט די טענה, אַז די משנה זאָגט קלאָר (אבות פ"ב, מ"ב) "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ". האָט רבי אלחנן איהם געזאָגט:

- נאָך מער פון דעם, זאָגן חז"ל (אבות, שם), "כל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה וגוררת עון", תורה וואָס קומט נישט צוזאַמען מיט אַרבעט, האָט נישט אַ קיום, און עס שלעפּט אַריין דעם מענטש אין אַן עבירה ח"ו. נאָר מיר האָבן אַ קיימא לן להלכה, אַז אַפילו אַזאַ גרויסע מצוה ווי מילה, ווערט נדחה אין אַ פאַל פון "מתו אחיו מחמת מילה", און אויב דער טאַטע פון אַזאַ קינד וועט מאַכן אַ ברית, וועט ער באַצייכנט ווערן אַלס אַ רוצח רח"ל... איז דאָך אַוודאי געוויס לגבי אַרבעט, אַז כאָטש עס איז טאַקע זייער וויכטיג, אָבער מ'האָט געזעהן דערביי אַ סאַך פאַלן פון "מתו אחיו מחמת..." אַ סאַך מענטשן זענען שוין "אַדורכגעפאַלן" ביי דער אַרבעט, און ממילא ווערט עס אָפּגעשטופּט פאַר לימוד התורה.

מיר ווילן צולייגן לענינינו, אויך דער וואָס האָט אַ "היתר" פאַר "צורך פרנסה" צו האָבן אַ "כלי", דאַרף ער געדענקען, אַז אַ סאַך מענטשן זענען שוין "מתו מחמת מלאכה" רח"ל... און ער זאָל האַלטן פאַר די אויגן דעם גרויסן חורבן וואָס דאָס האָט שוין גורם געווען.

שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט (משלי ו, ו) "לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם". גיי צום ווערימל, און זעה אירע וועגן, און דו וועסט קלוג ווערן. טייטשן די ספרים, אַז ווען מ'באַטראַכט די וועגן פון די ווערים, קען מען זעהן, אַ סאַך מאָל זאַמלט זיך איין אַ "שיינער ציבור" פון ווערימלעך אויף אַן אָרט, כדי צו עסן די איבערבלייבענישן פון

מאכלים וכדומה, אָבער ווען עס גייט פאַרביי דאָרט אַ מענטש, וועלן אַלע ווערימלעך אַנטלויפן מיט אַ בהלה, אויס מורא אַז דער מענטש וועט זיי צעטרעטן מיט זיינע פיס. שפּעטער, ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דאָרט, קומען די ווערים צוריק צום אָרט. איז שווער, ווי אַזוי לאָזן זיי זיך ווידעראַמאָל אַריין אין אַ סכנה אומצוקומען, אויב אַ צווייטער מענטש וועט דאָרט טרעטן?... איז דער ענטפער, ווייל זיי זענען דאָך נישט מער ווי ווערים...

דאָס לערנט אונז שלמה המלך ע"ה, "לך אל נמלה", גיי און קוק ווי אַזוי דאָס ווערימל פירט זיך, "ראה דרכיה וחכם", זי אַנטלויפט פון דער סכנה, אָבער זי ווייסט נישט אַז מ'טאָר נישט נאָך אַמאָל צוריקקומען צום אָרט פון דער סכנה. דאַרפסטו זיך לערנען צו טוהן פאַרקערט, זיך נישט אַריינצולאָזן אין אַ סכנה וואו אַ סאַך מענטשן זענען שוין ליידער "צעטראָטן" געוואָרן דורך דעם שרעקליכן יצר הרע...

וועט אַ מענטש טענה'ן: "יעדער האט דאָך די 'כלי', איז פאַרוואָס זאָל איך זיין אַ 'יוצא מן הכלל'?!...". איז דער ענטפער גאַנץ קלאָר און איינפאַך: צי האָסטו אַמאָל געגעסן אַ מאכל וואָס שמעקט דיר נישט, בלויז דערפאַר ווייל 'אַלע' אַנדערע מענטשן האָבן ליב יענעם מאכל?... אויב אַזוי, פאַרוואָס זאלסטו זיך אַריינלאָזן אין דער סכנה פון די "כלים", בלויז דערפאַר ווייל "אַלע" האָבן עס?

אין די לעצטע יאָרן, האָבן טייל שטאָט-פאַרוואַלטונגען אין ארץ ישראל איינגעפירט, אַז די "מיסט קאַסטענס" ווערן באַהאַלטן אונטער דער ערד, און נאָר דער קאָפּ דערפון שטעקט אַרויס. מ'קען אָפט מאָל באַמערקן ווי אַ קאַץ שטייט ביי דעם טירל פונעם "פעסל", און גליסט אַריינצושפּרינגען אינעווייניג און אויפעסן די איבערבלייבענישן פון די עסן, ווייל זי איז הונגעריג... זי קוקט אָבער מיט "שבע בדיקות", צו זעהן אויב זי וועט קענען אַרויסקומען פון דאָרט מיט גאַנצעביינער. אויב נישט - וועט די קאַץ נישט וואַגן אַריינצוגיין דאָרט.

אויף דעם שרייט דער "פסוק" (על דרך מליצה, ענליך ווי דער פריערדיגער פסוק) "לך אל חתול עצל ראה דרכיו וחכם"... אויך אויף דעם "חתול" (קאַץ) זאָלסטו קוקן און זיך לערנען צו טוהן ענליך ווי ער טוט. אויב די קאַץ לאָזט זיך נישט אַרייננאַרן אין אַן אָרט פון וואו זי קען שפּעטער נישט אַרויסקומען, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז אַ מענטש טאָר נישט אַריינגעפירט ווערן אין אַ "לייבן-גרוב" רח"ל ברוחניות, פון וואו ס'איז כמעט נישט מעגליך אַרויסצוקומען "מיט גאַנצע ביינער"...

די ספרים זאָגן בדרך רמז, אַ טייטש אויפ'ן פסוק (ירמיה לא, טו-טז) "כה אמר ה' מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה וגו', ושבו בנים לגבולם". פון דעם לשון "ושבו בנים", איז משמע אַז די קינדער וועלן זיך אַליין אומקערן פון גלות. עס איז דאָך אָבער נישט מעגליך אַזוי צו טייטשן, ווייל די קינדער קענען זיך נישט צוריקקערן אַהיים, אויב דער אויבערשטער וועט זיי נישט צוריקברענגען קיין ארץ ישראל. אויך איז שווער, וואָס דער פסוק זאָגט "לגבולם" - צו זייער גרעניץ, און נישט "למקומם" - צו זייער אָרט.

נאָר דער פסוק קומט מרמז זיין, אַז דער אויבערשטער זאָגט, "מנעי קולך מבכי" - הער אויף וויינען און קלאָגן אַז דער אויבערשטער זאָל אויפבויען דעם בית המקדש, ווייל דיין געוויין פעלט בכלל נישט אויס. עס ווענדט זיך נאָר אין דיר אַליין: "ושבו בנים לגבולם", אויב די קינדער וועלן זיך צוריקקערן צו די "גרעניצן" - זיי וועלן זיך אָפּהיטן אין אַלע "גבולי הקדושה", וועט די שכינה הקדושה ממילא צוריקקומען צו שיינען אויף אידישע קעפּ, במהרה בימינו, אמן.

מיר האָבן געהערט פון אַ גדול בדרך רמז ומליצה, דאָס וואָרט "ציון" באַטרעפט 156, אַזוי ווי "יוסף", וואָס איז די מדה פון קדושה. ווען מיר בעטן זיך ביי דעם אויבערשטען: "ממקומך מלכנו תופיע ותמלוך עלינו מהרה כי מחכים אנחנו לך", ענטפערט אונז דער אויבערשטער: "מתי תמלוך 'בציון'...", ווען דו וועסט געוועלטיגן און 'קעניגן' אויף די מדה פון 'יוסף' הצדיק, דאָס הייסט דו וועסט זיך אָפּהיטן בקדושה ובטהרה, דאַן וועט זיין "בקרוב בימינו לעולם ועד תשכון", בשוב ה' לציון ברחמים, אמן.